# היים באזוכן פאר ניו יארק סיטי איינוואוינער מיט פערסיסטענט אסטמא

אלערדזשענס אזוי ווי פעסטס (צום ביישפיל, מייז אדער קאקראוטשעס) און שימל אפעקטירן די לופט קוואליטעט אינדערהיים. זיי קענען גורם זיין אסטמא אטאקעס אדער פארערגערן אסטמא סימפטאמען. קאנטראלירן פעסטס און שימל קען העלפן קאנטראלירן אסטמא.

ניו יארק סיטי געזעץ פארלאנגט פון לענדלארדס צו האלטן זייערע געביידעס פריי פון פעסטס און שימל און די פראבלעמען וואס זענען דאס גורם, אזוי ווי ליעקס און לעכער.

אויב איר אדער אייער קינד האט פערסיסטענט אסטמא און איר האט פעסטס אדער שימל אין אייער היים, קען אייער העלט קעיר פראוויידער פארלאנגען אן אומזיסטע היים ענווייראנמענטל אינספעקציע. איר קענט באקומען די סערוויס אפגעזען פון אייער אימיגראציע סטאטוס. רעדט צו אייער העלט קעיר פראוויידער אדער אסטמא קעיס מענעדזשער אויסצוגעפינען מער.

## וואס צו ערווארטן פון א היים ענווייראנמענטל באזוך

- א ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט אינספעקטאר וועט אייך רופן צו פלאנירן א טאג און א צייט וואס איז גוט פאר אייך.
- דער אינספעקטאר וועט קוקן אויב איר האט פעסטס און שימל און די פראבלעמען וואס פירן דערצו.
- אויב מען טרעפט פראבלעמען, וועט דער אינספעקטאר באפעלן דעם געביידע אייגנטימער דאס צו פאררעכטן. דער געביידע אייגנטימער וועט האבן 21 טעג צו מאכן אלע נויטיגע פאררעכטונגען.
- נאך 21 טעג, וועט א העלט דעפארטמענט אינספעקטאר צוריקקומען צו אייער היים צו זען אויב די פראבלעמען זענען פארראכטן געווארן.
- אויב דער געביידע אייגנטימער האט נישט געענדיגט פאררעכטן דעם פראבלעם אבער מאכט פארשריט, וועט מען זיי געבן מער צייט צו מאכן די פאררעכטונגען.
- אויב דער געביידע אייגנטומער פאררעכט נישט דעם פראבלעם, קען די העלט דעפארטמענט זיי ארויסגעבן א סאמענס, וואס קען רעזולטירן אין א געלט-שטראף. די סיטי קען אויך מאכן עמערדזשענסי פאררעכטונגען און רעכענען דעם געביידע אייגנטימער פאר די ארבעט.

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט **Healthy Neighborhoods Program** (געזונטע געגנטער פראגראם) אדער רופט **646-632-6023**.

NYC Health

10.19 Yiddish